אין זומער. יעדענפאלס האט דאס ארויסטרעטען פון די מאהלערארבייטער א גרויסע בעדייטונג, ווייל ווען זיי דאבען געוואגט צום ווינטער צו שטעלען פאדערונגען דאן איז דאס דער בעסטער בעוויז אז די מאהלערארגאניזאציע אין קראקוי איז שטארק און אידרע מיטגלידער קלאסען-בעוואוסטע ארבייטער.

נאך א איינטעגיגען באיקאט ביי דעם שניידערמייסטער ווילדשטאססער אין קראקוי, האבען די ביי איהם בעשעפטינטע ארבייטער זיך אויסגעקעמפפט דורכשניטליך א 18% לאהנהעכערונג. די איצט ביי איהם בעשעפטינטע ארבייטער טארען נישט געקינדיגט ווערען ביז צום 15 מערץ 1907. א הויץ דעם האט ה. ווילדשטאססער נאכגעגעבען אלע אנדערע פאדערונגען. זונטאג אין דער פריה איז אויסגעבראכען דער באיקאט, ביי נאכט האט ה. ווילדשטאססער אין פעראיין „פארהערטס" אונטערגעשריבען דעם פערטראג. באיקאטירט האבען אלע 7 ארבייטער פון דיזען ווערקשטאט, מאנטאג אין דער פריה זענען זיי צו דער ארבייט צוריקגעגאנגען.

די שארפמאכעריי אין יאראסלאוו. די לעזער פון „סאציאלדעמאקראט" איז בעקאנט דער געמיינער קאמפף פון די יאראסלאווער מייסטערלעך געגען דער יודישער ארבייטער-ארגאניזאציע. כאטש זיי האבען זיך שוין איינמאל איבערצייגט, אז זיי זענען צו שוואך לגבי דער סאלידאריטעט פון די ארבייטער, האבען זיי זיך פון זייער „ארבייט" נישט אבגעזאגט, פערקעהרט, אזוי ווי זיי זעהען דאס די פראטעקציע פון סטאראסטע קען זיי אויך נישט א סך העלפען האבען זיי זיך גענומען פאר אנדערע מיטלען בכדי אונזער ארגאניזאציע „אונשעדליך" צו מאכען. דער, פון זיין נידערטרעכטיגען פארגעהן בעקאנטער שניידער מייסטער רייך איז געפאלען אויף א המצאה, אז אמלייכסטען וועט זיין הרוב צו מאכען אונזער ארגאניזאציע, ווען עס וועט זיך איהם איינגעבען די פיהרער פון דער היגער בעוועגונג פטור צו ווערען. און ער האט פערקאטשעט די ארמעל און האט זיך גענומען „ארבייטען" ער איז געגאנגען פון איין טישלער ווערקשטאט צום אנדערען און האט „אגיטירט" צווישען די מייסטער, אז זיי זאלען אבזאגען פון דער ארבייט די טישלער ארבייטער, וועלכע האבען נישט קיין לערנבריעף. ווי ער איז אבער געקומען אין איין ווערקשטאט האט ער שוין נישט געקענט געהען אין אנדערען... אזוי ווי דיזע „אגיטאציע" איז געבליבען אהן א ערפאלג, האט ער צונויפגערופען אלע טישלער מייסטער אויף א פערזאמלונג אין דער קארפאראציע און דא האט ער שוין גאנץ אפען אבגעשמיאוסט מיט די מייסטער, אז זיי זאלען אויסשליסען אלע טישלער ארבייטער, וועלכע שטעהען אן דער שפיצע פון דער יודישער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי.

ווי די ארבייטער האבען זיך נאר דערפון דערוואוסט האבען זיי בעשלאסען נישט צו געהען צו דער ארבייט. און עס איז טאקי אזוי געוועזען קיין איינציגער ארבייטער איז געגאנגען צו דער ארבייט. די מייסטער זענען דאן געקומען צו די ארבייטער און האבען געגעבען די הבטחה אז זיי וועלען קיין שום ארבייטער נישט אבשאפען. אויף דעם סמך זענען ערשט די ארבייטער געגאנגען צו דער ארבייט. עס קומען פאר נאך פערשידענע אנדערע נידערטרעכטיגקייטען פון זייטען די מייסטער געגען דער ארגאניזאציע.

די ארבייטער פון אלע פאכען בעטען מיר איצט קיין יאראסלאוו נישט צו קומען, ווייל מיר שטעהען פאר א קאמפף, איבערהויפט בעטען מיר אכטונג צו געבען, ווייל דער באיקאטירטע שניידער מייסטער רייך האט זיך געלאזט אויף די מדינה זוכען ארבייטער.

ב. קאהל.

טארנאפאל. די שניידער חברים דאבען נישט געקאנט מעהר דולדען דאס ברוטאלע פארגעהען פון דעם מייסטער דרעטלער און זיי האבען זונטאג דעם 14 ד. מ. באיקאטירט דיזען ווערקשטאט. עס באיקאטירען 15 ארבייטער. שבת דעם 13 ד. מ. איז געוועזען אן אלגעמיינע פערזאמלונג, וואו עס האבען רעפערירט די גענאסען בירפאסס און י. ק. עס איז אנגענומען געווארען א אנטראג דאס א יעדער ארבייטער זאל איין טאג פערדינסט געבען פאר די ארבייטער וואס שטעהען אין באיקאט.

די שניידער-ארבייטער ווערען געבעטען קיין טארנאפאל נישט צו קומען ביז דער קאמפף וועט נישט געענדיגט זיין.

# כראניק.

א נייע ערפינדונג? ליעבער סאציאל-דעמאקראט! אט דערוויס איך זיך, אז ס'איז כלומר'שט ערפונען געווארען א נייער מעדיצינישער מיטעל געגען ברעכען. דאס זאל זיין א ערפינדונג פון דר. הערצל מיט... „מארקס"! אזוי ווי די מחברים (טהעאריען-אגענטור דר. פ"צ-מאניק) רעכנען, דאס זיי וועלען קאנען מאכען מיט דעם א גוט געשעפט, בפרט ווייל זיי רעדען זיך איין, אז דאס דאזיגע ברעכמיטעל דארף האבען א „פעולה" פאר פאליטישע אנזעצערס, בעאייל איך זיך אלס געניטער כעמיקער, אינ'ם אינטערעס פון דער וויסענשאפט, צו בעטען איך, איהר זאלט ריכטיג שטעלען דיזען טעות. די פ. ט. העררען מחברים האבען צום בעדויערען פארגעסען צו לערנען דעם א"ב, און א הויץ דעם זענען זיי מיט זייערע בעגריפען צוריקגעבליבען מיט כמעט 200 יאהרען: זיי רעכענען נאך אלץ צו לעבען אין די צייטען פון „אלכימיע". דאס וואהרשיינליכסטע איז אט דאס, אז אן'אלטעס ווייב — אן'אנגעהעריגע פון אונזער שווער געפרובטען פאלק — האט זיך אויסגעטראכט אין איהר העקסען-קאך אזא מין מישמאש, כדי אזויערנאך עפעס צו פערדינען אויף איהרע אלטע טעג. די העררען, וואס זענען אריינגעפאלען אין הדר פון דיזער שלעכטער רבי'צין, מאך איך דעריבער אויפמערקזאם, דאס זיי וועלען נעבעך דערלעבען ענטוישונגען מיט זייערע כשר'ע פלאנען. איך פון מיין זייט טרייסט זיך, אז אונזער וויסענשאפט האט היינט שוין אזא פעסטען פונדאמענט, דאס אזעלכע מאדנע עקספערימענטען קאנען זי גאר נישט מעהר קאמפראמיטירען; זיי האבען אבער נאר דעם איינציגען ווערטה, וואס זיי גיבען מאטעריאל פאר א וויצבלעטעל.

איך פערבלייב תמיד אייער געטרייער

כעמיקער-מארקסיסט.

א יודישע פארוואהל פערזאמלונג האט אין קראקוי צונויפגערופען דר. אדאלף גראסס אויף דינסטאג דעם 16 דמ. אין זאאל פון האטעל קליין. אויף דיזער פערזאמלונג איז אויך ערשינען דער קאמיטעט פון די פוילישע דעמאקראטישע פארטיי און דער קאנדידאט פון דיזער פארטיי, דער גימנאזיום דירעקטאר טאמאש סאלטישיק. אלע רעדנער האבען הייס אונטערשטיצט די קאנדידאטור פון ה' סאלטישיק און האבען אויפגעפאדערט די יודישע וועהלער זיך צו בעטייליגען אין דער ערגענצונגסוואהל צום פארלאמענט וועלכע איז געווען אויסגעשריבען אויפ'ן 17 אקטאבער. פון דער יודישער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי האט גענומען דאס ווארט דער חבר בראסס. אין זיין גלענצענדער רעדע האט ער אונטערגעשטראכען צוויי מאמענטען. דער ערשטער איז וואס דאס זענען שוין די לעצטע וואהלען אויפ'ן גרונד פון דעם היינטיגען קוריען-סיסטעם, און דער צווייטער מאמענט איז. וואס צום לעצטען מאל וועהלען איצט די יודען צוזאמען מיט די פוילישע וועהלער. די נייע וואהלרעפארם בעשאפענדיג יודישע וואהלקרייזען, טהיילט אב די יודישע געזעלשאפט פון דער פוילישער און דערמיט בערויבט זי אויך די יודען פון דעם פאליטישען איינפלוס אויף דער ארומיגער געזעלשאפט. די נייע וואהל-רעפארם פערצוימט מיט די גהעטא מויערן דאס פאליטישע לעבען פון דער יודישער געזעלשאפט. מיר יודישע סאציאלדעמאקראטען האבען געקעמפפט געגען דעם און ווען עס איז שוין נישט מעגליך, אז די יודישע וואהלקרייזען צום פארלאמענט זאלען אבגעשאפט ווערען, דאן מוזען מיר טראכטען, אז דאס זעלבע זאל נישט פארקומען ביי דער וואהלרעפארם צום סיים און צום געמיינדעראטה. דאס אויסטיילען די יודען פון דער ארומיגער געזעלשאפט ליעגט אינ'ם אינטערעס פון דער קאנסערוואטיווער קליקע, וועלכע האט מורא פאר דעם דעמאקראטישען איינפלוס פון די יודען אויף די פאלאקען אדער רוטהענען. דעריבער וועט די בעטייליגונג פון דער יודישער דעמאקראטיע אין די לעצטע וואהלען, וועלכע קומען פאר בשותפות מיט דער פוילישער געזעלשאפט, זיין א פראטעסט געגען די יודישע וואהלקרייזען. אין פאליטישען לעבען — זאגט דער חבר בראסס, ברויכען זיך נישט צו טיילען די פארטייען לויט נאציאנען, זונדערן לויט די קלאסען-אינטערעסען. יודישע קאנסערוואטיסטען וועלען זיך אנשליסען צו די פוילישע, יודישע דעמאקראטען מיט די פוילישע און יודישע סאציאליסטען וועלען געהן צוזאמען מיט די פוילישע סאציאליסטען. די יודישע דעמאקראטען אבגעבענדיג זייערע שטימען אויף א פוילישען דעמאקראט, וועלען דאן האבען דאס רעכט צו פערלאנגען פון איהם דאס ער זאל פערטרעטען זייערע אינטערעסען. אין פאליטישען לעבען דעצידירט נאר די מאכט און אז די בעזונדערע אינטערעסען פון דער יודישער געזעלשאפט זאלען געפונען א אבקלאנג דארט ווי דאס איז נויטיג, מוזען זיך די יודען בעשאפען דיזע מאכט. (אפלאדיסמענטען). צום סוף האט די פערזאמלונג אנגענומען די פון דר. גראסס פארגעשלאגענע רעזאלוציע, אז די פערזאמלונג בעשליעסט די קאנדידאטור פון הערן סאלטישיק.

אויך א תריק. אום צו בעווייזען פאר וואס די העברעאישע ליטעראטור געהט אונטער ברענגט הער דר. קלויזנער אין „היום" א מאדנע ערקלערונג פאר דיזער ערשיינונג. ער בעהויפטעט, אז די העברעאישע ליטעראטור געהט אונטער „נישט צוליעב דעם, וואס עס פעהלען איהר לעזער, נאר דערפאר וואס זי האט נישט קיין אבאנענטען, ווייל עס פעהלט איהר די מאטעריעלע שטיצע". א פנים די העברעאישע ליטעראטור ברויך ממילא נישט קיין לעזער, ווען זי זאל נאר האבען מאטעריעלע שטיצע. די ציוניסטען וועלען דאס אבער לייכט אויסטייטשען. זיי וועלען אונז זאגען, אז דאס איז אויך איינע פון די פיעלע ערשיינונגען פון דער אנארמאליטעט פונ'ם יודישען פאלק.

פאלש אינפארמירט אדער אבזיכטליך פערצייכענט די וויענער „נייע צייטונג" א כלומר'שטען פאקט, אז די אויפ'ן 7 קאנגרעס פון „בונד" אנוועזענדע דעלעגאטען פון די אמעריקאנישע „בונדיסטען" זענען געווען גלייכבערעכטיגט מיט די דעלעגאטען פון רוסלאנד. דאס איז נישט אמת. א הויץ די דעלעגאטען פון די „בונדיסטישע" ארגאניזאציעס, זענען אלע אנדערע דעלעגאטען נאר געווען מיט בעראטונגסרעכט. ווי עס איז אבער לייכט ארויסצושפירען פון דיזער נאטיץ איז איהר מחבר א אנהענגער פון אלוועלטליכע יודישע ארגאניזאציעס און דערוויסענדיג זיך, אז אויפ'ן לעצטען צוזאמענפאהר פון „בונד" זענען אויך געווען דעלעגאטען פון אמעריקאנישע „בונדיסטען" האט ער זיך צוגעאיילט צו בעשאפען פון דעם א „אונטערסאנטעם נאהאוס", וועלכעס ציעלט זיך צו בעווייזען, אז די יודען מוזען זיך ארגאניזירען אין אלוועלטליכע ארגאניזאציעס, אזוי ווי למשל די ציוניסטען מיט „פ" אדער אהן „פ". אונטערסאנטער איז. אז דער מחבר פון דיזער פאלשער נאטיץ, שרייבט איבער זאכען פון וועלכע ער האט קיין אהנונג נישט.

פארטיי ענינים. גען. גראסמאן איז אין וויכטיגע אנגעלעגענהייטען ארויסגעפאהרען אויף א לענגערע צייט קיין וויען. זעמטליכע בריעף אין פארטיי אנגעלעגענהייטען זענען דעריבער צו אדרעסירען אויסשליעסליך צום פארטיי סעקרעטער:

H. Schreiber Krakau Bonifraterska 3.

ביי דער ערזאצוואהל פון א אבגעארדנעטען צום פארלאמענט פון דער דריטער קוריע אין קראקוי, וועלכע איז פארגעקומען מיטוואך דעם 17 דמ. איז איינשטימיג געוועהלט געווארען דער פוילישער דעמאקראט, טאמאש סאלטישיק. די וואהל איז געווען א אונגעוועהנליכע אויס דעם גרונד וואס דער געוועהלטער קאנדידאט האט נישט געהאט קיין קאנטרקאנדידאט. דעריבער איז אויך די בעטייליגונג אין די וואהלען געווען א זעהר קנאפע.

# קארעספאנדענציעס.

קראקוי. אין די לעצטע פאר וואכען האט זיך ביי אונז די בעוועגונג שטארק געהויבען. מיר האבען עס צו פערדאנקען צוויי אומשטאנדען, ערשטענס דעם נייעם פעראיינסלאקאל, אין וועלכען עס איז מעגליך אבצוהאלטען עפענטליכע לעזונגען און פערזאמלונגען, האבענדיג צו דיזען צוועק א גרויסען זאאל, און צווייטענס דער נישט לאנג געוועהלטער פארטיי קאמיטעט ארבייט מיט מעהר חשק און פאלגליך א סך אינטענזיווער. דער פארטיי קאמיטעט האט פערשטאנען זיינע אויפגאבען און אז ער ערפילט זיי, בעווייזט זיין טעטיגקייט פון די לעצטע פאר וואכען.

אין פעראיינסלאקאל ווערען אבגעהאלטען צוויי מאל אין דער וואך וויסענשאפטליכע לעזונגען מיט דיסקוסיעס אין וועלכע עס בעטייליגען זיך צומאל אנ'ערך 100 פערזאנען. עס ווערען אבגעהאלטען זעהר אפט פאך-פערזאמלונגען, אזוי אז דאס לאקאל איז צו קליין פאר אונזער בעוועגונג. אין די פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס קומען צו

## דער ברודער-שטרייט צווישען פארטיי און געווערקשאפטען.

(צום פארטיי-טאג אין מאנהיים).

פון א. ש. ואקס. *)

דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם איז בעגרינדעט אויף צוויי גרויסע ענטדעקונגען פון מארקסען: אויף דעם היסטארישען מאטעריאליזם און אויף דער מעהר-ווערטה-טעאריע. פונ'ם היסטארישען מאטעריאליזם ווייסען מיר אז די אביעקטיווע געזעצען פון דער געשיכטע, די היסטארישע נויטווענדיגקייט, פיהרט צו אזא ארדנונג, וואו עס וועט נישט זיין קיין פריוואט-איינענטום, וואו אלע פראדוקציאנס מיטלען וועלען זיין קהל'שע, סאציאליסטישע. די מעהר-ווערטה-טעאריע לעהרט אונז, אז דער קלאסען קאמפף, וואס ווערט געפיהרט צווישען ארבייטער און קאפיטאליסטען, צווישען די שעפער פון דעם מעהרווערטה און די, וועלכע בענוצען זיך מיט איהם, קען זיך אין היינטיגער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט נישט ענדיגען און אז דער קלאס, וועלכער איז בערופען צו ערפילען די היסטארישע שליחות פונ'ם סאציאליזם, איז נישט קיין אנדערע, ווי דער פראלעטאריאט, ווייל זיינע, דעם פראלעטאריאטס הייסט עס, אינטערעסען וועלען אלע מאל ליידען כל זמן די פראדוקציאן וועט געהערן פריוואט מענשען, וועלכע ארבייטען נאר נישט און נעהמען זיך א טייל פון דעם ארבייטערס הארעוואניע — דעם מעהר ווערטה — נאר דעריבער, ווייל דער פראלעטאריאט אליין האט נישט דאס רעכט זיך בענוצען מיט די פראדוקציאנס מיטלען.

דיזע ביידען ענטדעקונגען זענען נישט צוויי בעזונדערע אנאבהענגיגע טעאריען, זיי, דער היסטארישער מאטעראליזם און די מעהרווערטה-טעאריע, זענען ארגאניש צוזאמען געוואקסען, זיי זענען צוויי גלידער פון איין גוף, צוויי חלקים פון איין הארמאנישע גאנצע, וואו איינע שטיצט זיך אויף די צווייטע, וואו איינע ערפילט און ערגענצט די צווייטע, וואו איינע פערשטארקט און בעגרינדעט די צווייטע. ווען דער היסטארישער מאטעריאליזם ווייזט אונז סכעמאטיש, אין אלגעמיינע שטריכען דעם ענדליכען ציעל, צו וואס די געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג מוז אונז פיהרען אין דער צוקונפט, ווייזט אונז די מעהרווערטה-טעאריע, דורך וועלכע עס ערקלעהרט זיך דער אונפערמיידליכער און אונאויפהערליכער קאמפף צווישען ארבייט און קאפיטאל, דעם וועג, די מיטלען, וועלכע פיהרען צו דיזען ציעל. ווען צוליעב דעם היסטארישען מאטעריאליזם איז פאר אונז ענטפלעקט און זיכטבאר געווארען די הערליכע צוקונפט געביידע, בעווייזט אונז די מעהר ווערטה-טעאריע, אז דאס מאטעריאל, וואס וועט פערוועדעט ווערען פאר די צוקונפט געביידע, איז שוין איצט פאראן און ווי אזוי עס דארף שוין ווערען אין דער געגענווארט צו נויף געזאמעלט.

די סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי, געשטיצט אויפ'ן וויסענשאפטליכען סאציאליזם, פיהרט דעריבער איהרע ארבייט אויף צווייערליי אופנים. זי פערקערפערט זיך אין צוויי פארמען, וואו איינע קען אהן דער אנדערער נישט אויסקומען. פון איינער זייט פיהרט די סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי א פאליטישען, א אלגעמיינעם קאמפף, וואס דער צוועק איז אויפצוווייזען די חסרונות פון איצטיגען ארדנונג, אבצושוואכען אויף ווי ווייט מעגליך די פאזיציאנען פון די געגנער, פון די הערשענדע קלאסען, איינצופיהרען רעפארמען, וועלכע הויבען אויף גייסטיג און קערפערליך דעם גאנצען פראלעטארישען ארגאניזם, דעם ארבייטער קלאס בכלל, פערשפרייטען דעם סאציאליסטישען געדאנק, בעווייזענדיג די נויטווענדיגקייט פון סאציאליזם זיינע מעלות און פארצוג פון אנדערע ארדנונגען; פון דער אנדערער זייט פיהרט די סאציאל-דעמאקראטיע א עקאנאמישען קאמפף, וואו דער פראלעטאריאט צוטיילט זיך אויף פערשידענע אבטיילונגען, אויף פיעלע ארמעעס; און יעדע ארמעע קעמפפט דירעקט נישט פאר דעם גאנצען ארבייטערקלאס נאר פאר זיך אליין, פאר איהרע איינענע עקאנאמישע אינטערעסען. אינ'ם עקאנאמישען קאמפף גיט זיך יעדע אבטיילונג פון פראלעטאריאט וועניגער אב דעם צוקונפט אידעאל און ווענדעט אן איהרע קרעפטען מעהרער אויפ'ן אויסבעסערן די לאגע פון די ארבייטער אין דער געגענווארט. ארויסצורייסען פון די קאפיטאליסטען בעסערע בעדינגונגען, נישט דערלאזען זיי אזוי אונבעגרעניצט פערגרעסערן דעם מעהרווערטה. אין דיזען פאל שטעהט אויפ'ן ערשטען פלאן נישט די אינטערעסען פונ'ם גאנצען קלאס ארבייטער, פונ'ם פראלעטאריאט בכלל, נאר פון דעם אדער יענעם טייל. מיט דער ערשטער פארמע פון קאמפף, מיט דער פאליטישער זייט, בעשעפטיגען זיך די פאליטישע פארשטעהער (וואו עס איז פאראן א פארלאמענט די פארלאמענטארישע פראקציע); מיט דער צווייטער פארמע, מיט דעם עקאנאמישען קאמפף בעשעפטיגען זיך די פראפעסיאנעלע פעראיינען. די קאמפף-פעלד פאר די ערשטע איז דער פארלאמענט און די איבעריגע פאליטישע איינריכטונגען — פאר די צווייטע די פאבריקען און זאוואדען; דער בליק פון די ערשטע איז מעהר געווענדעט אויף די צוקונפט, דער בליק פון די צווייטע — אויף די געגענווארט. די ערשטע, ווי די צווייטע זענען אונבעדינגטע וואפען צו ערדייכען א סאציאליסטישען ארדנונג. אבגרעניצען איינע פון דער צווייטער איז אונמעגליך. דער פאליטישער קאמפף קען בלויז דאן האבען א ערפאלג, ווען די ארבייטער מאסען בעשעפטיגען זיך עקאנאמיש, ווען זיי קומען צו זייער קלאסענבעוואוסטזיין, פאנגען אן צו פערשטעהן דעם געגענזאץ צווישען ארבייט און קאפיטאל אין זייער פאך. די עקאנאמישע אויסבעסערונגען ווידער אליין אהן די הויכע פאליטישע צוקונפט אידעאלען, זענען קיין מאל נישט אימשטאנד צו בעפרייען דעם אונטערדריקטען ארבייטערקלאס פון קאפיטאל. אזוינע אויסבעסערונגען קענען אפשר א ביסעל פערגרינגערן די לאגע פון דעם אדער יענעם טייל ארבייטער, זיי קענען אבער נישט בעפרייען דעם גאנצען ארבייטער קלאס פון קאפיטאלס הערשונג. אנווענדען די גאנצע קאמפף-ענערגיע פאר דעם געגענווארטיגען עקאנאמישען קאמפף און אוועקליינען אין א זייט די הויכע פאליטישע אויפגאבען פון פראלעטאריאט הייסט אפפערן דעם הויכען הערליכען צוקונפט אידעאל פאר אגוים ערשים. אזא טעטיגקייט קען אפשר אבשוואכען דעם עלענד און די ליידען אין א געוויסער צייט און אין א בעשטימטען ארט, זי קען אבער נישט בעזייטיגען די הויפט-

*) ספעציעל אנגעשריעבען פאר'ן „סאציאל-דעמאקראט", (רעד.).

